# מיט א טיפערן בליק

## פרשת בראשית תשפ"ד

## " תֹהוּ וָבֹהוּ - אֱלֹקִים יְהִי אוֹר"

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

אצינד שטייען מיר אין די טעג נאך אזא דערהויבענע חודש תשרי, די הייליגע ימים נוראים און די לעבטיגע ימים טובים אין וועלכע מיר האבן זוכה געווען מקיים צו זיין די פילע מצוות און ענינים און ווערן דערנענטערט צו השי"ת, צו זיצן אין די צילא דמהימנותא, תחת כנפי השכינה אין די הייליגע סוכה, און אויסצודרוקן אונזער ליבשאפט און שמחה מיט די תורה הקדושה דורך די פייערדיגע הקפות און ריקודים. און יעצט בלייבט אונז נאר איבער צו האפן און מתפלל זיין וְהַשִּׂיאֵנוּ ה' אֱלֹקֵינוּ אֶת בִּרְכַּת מוֹעֲדֶיךָ לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם לְשִׂמְחָה וּלְשָׂשׂוֹן, אז די אלע ברכות און השפעות פון די ימים טובים זאלן אונז באגלייטן אויף ווייטער און מיטגיין מיט אונז ווען מיר טרעפן זיך צוריק אין די ימי המעשה, און אז מיר זאלן האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס אויף די גאנצע יאר.

אין די זעלבע צייט שטייען מיר אצינד אין א שווערע תקופה, א זמן פון פחד און שרעק, טעג אין וועלכע גאר אסאך אידיש בלוט איז ליידער פארגאסן געווארן אין ארץ ישראל, און די הערצער זענען פארקלעמט מיט צער און ווייטאג אויף די שווערע אומשטענדן וואס הערשט דארט, און מיר זענען מתפלל פון טיפן הארצן אויף **אחינו כל בית ישראל הנתונים בצרה ובשביה, המקום ירחם עליהם ויוציאם מאפילה לאורה ומשעבוד לגאולה,** און מיר זאלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בקרוב בימינו ממש.

אבער ווי מיר ווייסן איז אלעס פארהאן אין די תורה, אין יעדע מצב און אין יעדע זמן קענען מיר שעפן חיות און הדרכה פון די תורה הקדושה וואס איז נצחיות און באלייכט אונזערע אויגן אין יעדע אדורכגאנג און אין יעדע מציאות. אשר על כן לאמיר זיך מתבונן זיין און צולייגן קאפ אין מחשבה אין אונזער פרשה און ארויסנעמען די ריכטיגע חיזוק וואס איז אונזער תפקיד אין אזא זמן.

#### די דיוקים אין די פסוקים און וואס באדייט די תוהו ובוהו

אונזער פרשה, וואס איז אייגנטליך די התחלה פון כל התורה כולה, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, און די תורה הקדושה שילדערט וויאזוי די וועלט האט אויסגעקוקט איידער עס איז געווען א בריאה, וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם, אלעס איז געווען ליידיג וויסט און פוסט, און דערנאך שטייט וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר, דער אייבישטער האט געזאגט אז ס'זאל זיין לעכטיגקייט, און ס'איז געווארן לעכטיג.

די **מפרשים** פרעגן (זעה כלי יקר און נאך) פארוואס עפעס דערציילט אונז די תורה וויאזוי עס האט אויסגעזעהן איידער ס'איז באשאפן געווארן לעכטיגקייט, א זאך וואס מיר געפונען נישט ביי אנדערע זאכן פון די בריאה. דאס הייסט אז ביי אלע אנדערע זאכן שטייט בלויז אז דער אייבישטער האט באשאפן א הימל, גראז,ביימער, באשעפענישן, וכדומה, און עס ווערט בכלל נישט אראפגעמאָלן וויאזוי די וועלט האט אויסגעקוקט פארדעם ווען עס איז נאכנישט געווען די געוויסע זאכן פון די בריאה, עס ווערט נאר דערמאנט וואס עס איז יא באשאפן געווארן. אבער דא פילט די תורה פאר וויכטיג אויסצושמועסן וְהָאָרֶץ הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם, וואס קומט עס אונז לערנען?.

און אגב, וואס איז טייטשט די ווערטער "תֹהוּ וָבֹהוּ", זאגט **רש"י** לשון תמה ושממון שאדם תוהא ומשתומם על בהו שבה, אז דיווארט תֹהוּ איז א לשון פון זיך וואונדערן, ווען א מענטש זעהט א פלאץ וואס איז אינגאנצן ליידיג און וויסט, רופט עס אויס וואונדער ביי איהם, און דאס איז די שורש פון תֹהוּ וָבֹהוּ. יעצט איינמאל מיר ווייסן אז 'תֹהוּ וָבֹהוּ' איז גאר א פראגע וואס דער מענטש וואונדערט זיך און פרעגט, אויב אזוי וואס איז די תשובה אויף די וואונדער? און ווארשיינליך ווען השי"ת האט שפעטער געזאגט "יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר", דארף דערמיט פארענטפערט ווערן די פראגע פון תֹהוּ וָבֹהוּ... וואס איז טאקע די שאלה און די תשובה, און פארוואס איז דאס אזוי וויכטיג צו ווערן דערמאנט באלד אין אנהייב פון די גאנצע תורה?.

#### די גרויסקייט און וויכטיגקייט פון יישוב הדעת

נאר לאמיר אביסל ערקלערן דעם ענין מיט א יסוד וואס ווערט געברענגט אין **ספרים הקדושים** מיר שטייען דאָך אצינד אין די טעג וואס נישט לאנג צוריק האבן מיר מתפלל געווען א הייסע תפלה "הוֹשַׁע נָא נֶפֶשׁ מִבֶּהָלָה" וואו א איד איז מתפלל און בעט אז ער זאל קענען האלטן די קאפ אויפן פלאץ, האבן די ריכטיגע יישוב הדעת, און א שכל הישר צו קענען טראכטן ריכטיג און קלאר.

ווי צדיקים האבן אונז געלערנט איז דאס ממש די יסוד היסודות פון א איד צו ווערן אפגעהיטן פון א מצב פון בהלה, נאר זיך האלטן שטארק און נישט ווערן מבוהל און מבולבל, נישט אריינפאלן אין א מצב פון צומישעניש און ערבוביא.

**הרה"ק רבי משה קאברינער זי"ע** האט געזאגט, אז עס איז ווערד 'כל הון דעלמא' יעדן פרייז אין די וועלט בלויז צו האבן איין שעה ריכטיגע יישוב הדעת און באזעצנקייט! דאס איז א אומשאצבארע אוצר פאר א איד, און ס'לוינט זיך צו צאלן אלע געלט אין די וועלט אויב מ'וואלט מיט דעם געקענט איינקויפן א ברעקל יישוב הדעת.

און די סיבה איז פשוט, ווי מיר האבן שוין אסאך גערעדט פון דעם ענין, דער יצר הרע זוכט דאס אלעמאל, עס איז פאר איהם די שנעלסטע און גרינגסטע ארבעט אריינצודרייען דעם מענטש אין פארשידענע סארטן דאגות און טרדות, ער פארדרייט איהם א קאפ, און דרייט אָן א 'בלבול המוחין' וואס זאל איבערנעמען דעם גאנצן מענטש, דער מענטש גייט אריין אין א מצב פון נֶפֶשׁ מְבֻהָלָה און פון דארט און ווייטער טראכט ער שוין נישט גראד. דאס איז די שליסל צו ייאוש, צובראכנקייט, עצבות, ווען דער מענטש שפירט אז ער איז צומישט און צעוואָרפן, און פון דארט און ווייטער קען איהם שוין דער יצר הרע גאר לייכט מכשיל זיין מיט עבירות און פאנגן אין זיין נעץ פון ייאוש.

### די עצת היצר פון לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם

אין ספר **נתיבות שלום** אין אונזער פרשה שטייט א דבר נפלא, מיר געפונען אין מגילת אסתר (ט' כ"ד) כִּי הָמָן בֶּן הַמְּדָתָא הָאֲגָגִי צֹרֵר כָּל הַיְּהוּדִים חָשַׁב עַל הַיְּהוּדִים וגו' לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם, די ווארט **"לְהֻמָּם"** איז טייטש צוטומלען, ווייל המן הרשע האט געוואוסט אז 'לְאַבְּדָם' אליינס איז נישט קיין מציאות אין די וועלט, כלל ישראל קען מען נישט אויסרייסן און מ'קען זיי נישט מאכן פארלוירן גיין, און דעריבער האט ער געמוזט טרעפן א וועג וויאזוי צו קענען מלחמה האלטן מיט די אידן. און צוליב דעם איז זיין פלאן טאקע געווען, **לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם**, קודם וועט ער זיי צוטומלען, אריינברענגען אין א מצב פון צומישעניש און צובראכנקייט, און דאן וועט ער שוין האבן א שליטה אויף זיי און קענען אויך מקיים זיין לְאַבְּדָם ח"ו.

ווייל דאס איז די עצת היצר אלעמאל ווען ער וויל פאנגן א איד איז זיין נעץ, קודם הייבט ער אָן מיט'ן לְהֻמָּם, און דערנאך קומט שוין חלילה נאך די חלק פון לְאַבְּדָם כמעט ווי פון זיך אליינס.

### נישט נאכלויפן דעם קליינעם גנב

וואס דאס ברענגט אונז צו גאר א וויכטיגע כלל אין עבודת השי"ת וואס שטייט אין אסאך **ספרים הקדושים** און מ'דארף דאס שטענדיג געדענקן, אפילו אויב מען איז אמאל ח"ו אדורכגעפאלן אין א עבירה, עס איז געלונגען פארן יצר הרע, דאָך טאר מען זיך נישט צופיל פארלייגן אויף דעם און ווערן צובראכן דערפון, ווייל טאקע דאס וויל דער יצר הרע, דאס איז זיין פלאן פון לְהֻמָּם וּלְאַבְּדָם, אז דער מענטש זאל ווערן בעצבות און נידערשלאגן ביי זיך און ווערן אנגעפילט מיט ייאוש געפילן אז ער איז שוין סיווייי פארפאלן און פארזינדיגט, און פון דא און ווייטער וועט ער זיך שוין דערקייקלען בארג אראפ ח"ו. נאר דער עיקר איז אז דער מענטש זאל זיך שטארקן פון יעצט און ווייטער און מער נישט זינדיגן, און דינען דעם אייבישטער און תשובה טוהן מתוך שמחה און מיט א חיות און ברען.

**הרה"ק רבי יחזקאל פון קאזמיר זי"ע** האט ערקלערט דעם ענין מיט א משל: ס'איז אמאל געווען א סוחר וואס איז געשטאנען אין זיין געשעפט אין א פארנומענעם מארק טאג ווען פילע קונדן קומען אריין און לאזן איבער שיינע רווחים אין זיין קאסע. אינדרויסן זענען געשטאנען א באנדע געלערנטע גנבים וואס האבן געלייגט אן אויג אויף זיין געלט, און זענען אויפגעקומען מיט א פלאן, זיי האבן אריינגעשיקט איין גנב אינעווייניג אינעם געשעפט אז ער זאל זיך רייצן מיט'ן בעל הבית דורכ'ן געבן א נעם אראפ א קלייניגקייט פון איינס פון די פּאָליצעס אינעם געשעפט ממש פאר זיין פנים און דערביי ארויסשפאנען פונעם געשפעט, אזוי אז דער בעל הבית זאל קלאר באמערקן אז ער גנב'עט. און זייער חשבון איז געווען פשוט, אז דער בעה"ב זאל זיך נעמען נאכלויפן נאכן גנב, און אזוי וועט ער פארלאזן דאס געשעפט פאר עטליכע מינוט זייענדיג פארנומען נאכלויפן דעם גנב, און אינצווישן וועלן זיי אריינגיין און אויסליידיגן זיין גאנצע קאסע מיט די גרויסע סכומים געלט וואס איז דא דארט.

נו, אויב דער סוחר איז א קלוגע מענטש, ווען ער זעהט א גנב נעמט א קלייניגקייט אינעם געשעפט, מאכט ער זיך שנעל א חשבון "צוליב א קלייניגקייט וועל איך איבערלאזן דאס גאנצע געשעפט אויף הפקר?!" אודאי נישט, און ער האט שכל און ער בלייבט שטיין צו היטן אויפן קאַסע און ער לאזט זיך נישט אריינאַרן אין זייער זאק. אבער אויב מ'האט נישט קיין שכל און מ'ווערט איבערגענומען מיט די קליינע גניבה און לכבוד דעם לאזט מען אפ דעם גאנצן געשעפט, דאן קומען אריין די גנבים און זיי בא'גנב'ענען אלעס, און ס'איז פשוט אז ס'לוינט זיך נישט די גרויסע שאדן. און דאס זעלבע איז מיט'ן יצר הרע וואס זיין גאנצע שאיפה איז אז דער מענטש זאל ווערן צובראכן און מבוהל פון איין עבירה, און איינמאל ער טראכט שוין נישט גראָד דעמאלטס וועט ער חלילה 'מפקיר' זיין זיין גאנצע קאַסע פון יעצט און ווייטער.

### ארציות און גשמיות ברענגען מיט זיך א מצב פון תוהו ובוהו

און דערמיט קומען מיר צוריק צו די ווערטער פונעם נתיבות שלום אין אונזער פרשה, וואס ער ערקלערט מיט דעם דערמאנטן יסוד דאס וואס די תורה הקדושה וויל אונז דא לערנען באלד אין אנהייב

אלס א לעבנס-וויכטיגע הקדמה און א הדרכה וואס איז אונז שטענדיג נוגע:

די תורה הקדושה איז מודיע פארן איד, בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ, השי"ת האט באשאפן די וועלט צוטיילט אין צוויי, עס איז פארהאן רוחניות און עס איז פארהאן גשמיות, וואס דאס איז מרומז אין "שָׁמַיִם וָאָרֶץ", עס איז דא הימל'דיגע און הייליגע זאכן ווי תורה, עבודת השי"ת, מצוות ומעשים טובים; און דערנאך איז דא ארציות'דיגע זאכן, תאוות און חמדות עולם הזה וואס פאַרנעמען א גרויסע אָרט אין די בריאה און זענען א טייל פון אונזער טאג טעגליכע לעבן אויף די וועלט.

און די תורה לייגט צו, "וְהָאָרֶץ" הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ, ווען א מענטש ווערט נמשך נאך ארציות, אויב ווערט מען איינגעזינקן אין גשמיות און אין וועלטליכע זאכן, דאס ברענגט מיט זיך א צומישעניש און א בלבול המוחין, אזא איינער פארלירט זיין יישוב הדעת און זיין רואיגקייט, ער פאלט אריין אין א לעבן פון נפש מבהלה.

און וואס איז די עצה אז א איד זאל חלילה נישט אריינפאלן אין די מצב פון תֹהוּ וָבֹהוּ, ער זאל נישט ווערן אינגאנצן נבהל ונשתומם, (און ווי רש"י זאגט אז דאס איז א ענין פון וואונדער און ספק) וואס קען א איד אז ער זאל נישט אריינפאלן אין דעם תהום פון זיין מבוהל און מבולבל?. אויף דעם זאגט די תורה הקדושה "וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר", **און ווי הרה"ק רבי נח פון לעכאוויטש זי"ע האט געטייטשט, "וַיֹּאמֶר" אויב א איד זאגן און מתפלל זיין, "אֱלֹקִים, יְהִי אוֹר" רבונו של עולם איך בעט דיר מאך מיך לעכטיג, שיין אריין אין מיר און באלייכט מיינע אויגן, "וַיְהִי אוֹר" וועט איהם דער אייבישטער טאקע מאכן לעכטיג!.**

און טאקע דאס איז די וויכטיגסטע הקדמה צו די גאנצע תורה, מען דארף וויסן און געדענקן אז עולם הזה איז פיל מיט נסיונות און שוועריגקייטן וואס שלעפן אריין דעם מענטש אין תֹהוּ וָבֹהוּ, כמעט אויף יעדע טריט און שריט קען מען זיך גרינגערהייט אויסגליטשן און אריינפאלן אינעם לאָך פון בלבול המוחין און ווערן אראפגעשלעפט און צוקלאפט, און די עצה איז זיך צו האלטן שטארק, געדענקן אז גאנץ עולם הזה איז נאר א טפל און איז נישט ווערד אז אונזער יישוב הדעת זאל גיין לאיבוד וועגן דעם, און געדענקן אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט וואס אויב מ'בינדט זיך אָן שטארק אין איהם, אויב מ'פארגעסט נישט פון איהם, און מ'איז מתפלל צו איהם אין יעדן מצב "אֱלֹקִים יְהִי אוֹר" באשעפער מאך לעכטיג פאר מיר, העלף מיך, שטארק מיך אז איך זאל נישט ווערן פארלוירן און צובראכן, דאן קען מען זיך האלטן און בלייבן פעלזן פעסט מיט שלוות הנפש און א קלארע דעת.

### נישט אנטלויפן פון גרויס צובראכנקייט

און באמת דעם יסוד געפונען מיר דורכאויס אונזער פרשה עטליכע מאל. ווייטער אין די סדרה האבן מיר די חטא עץ הדעת, ווען אדם הראשון האט געגעסן פון די פרוכט פונעם בוים וואס השי"ת האט באפוילן אז ער זאל נישט עסן. וואס דאס איז טאקע צוגעקומען דורכדעם וואס דער נחש האט מבלבל געווען חוה מיט פארשידענע טענות ומענות, ער האט איר צוטומלט און איינגערעדט ביז זי האט זיך געלאזט פון איהם. און ווי חוה האט שפעטער געזאגט "הַנָּחָשׁ הִשִּׁיאַנִי וָאֹכֵל" אויף וואס דער **תרגום** זאגט "חוויא אטעייני" דער שלאנג האט מיר איינגערעדט ליגנט און געמאכט אז כ'זאל האבן א טעות, ווייל דאס איז דער כוח היצר מבלבל צו זיין דעם מענטש.

און ווי נאר אדם וחוה האבן אנערקענט אז זיי האבן געזינדיגט האבן זיי זיך געשעמט און זיי האבן זיך באהאלטן, אבער דער רבוש"ע איז געקומען צו זיי מיט א רוף, וַיִּקְרָא ה' אֱלֹקִים אֶל הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ **אַיֶּכָּה?!,** דער אייבישטער האט געפרעגט פון אדם הראשון "וואו ביסטו אויף די וועלט?" שטעל דיך אפ און זיי זיך מתבונן, מאך א חשבון הנפש, זוך נישט צו אנטלויפן און זיך צו באהאלטן, וואס דאס איז אלעס נאר א המשך צו די נפש מבהלה, דו זינקסט איין נאך טיפער אינעם תֹהוּ וָבֹהוּ ח"ו. אדרבה, די עבודה פון א איד איז אלעמאל זיך אפצושטעלן און זיך פרעגן פארשידענע שאלות, וואס האב איך געטוהן? איז עס געווען ריכטיג אדער נישט? דארף איך טוישן מיינע דרכים אויף ווייטער? דארף איך תשובה טוהן? וואס איז דער רצון השי"ת פון מיר יעצט?. א איד דארף זיך אליינס פרעגן דעם "אַיֶּכָּה?" וואו בין איך און וואו האלט איך, וואס דאס וועט איהם ברענגן נענטער צו יישוב הדעת און צו קלארקייט און לעכטיגקייט, ממש דאס פארקערטע פון תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם.

### בא שבת בא מנוחה - די תכלית איז יישוב הדעת און שמחה

די זעלבע געפונען מיר אויך ביי בריאת העולם, ווען עס זענען אריבערגעגאנגען די ששת ימי בראשית, זאגט אונז די תורה, וַיְכַל אֱלֹקִים בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִכָּל מְלַאכְתּוֹ, דער אייבישטער האט גערוהט, און ווי **רש"י** זאגט, "מה היה העולם חסר, מנוחה, באת שבת באת מנוחה, כלתה ונגמרה המלאכה", שבת קודש איז געווען די שלימות פון די גאנצע בריאה, ווייל דעמאלטס איז באשאפן געווארן 'מנוחה' די לעצטע זאך וואס האט נאך געפעלט פאר די וועלט.

און ווי באקאנט האט אונז דער אייבישטער געגעבן די מצוה לדורות, אז יעדע וואך ווען עס גייען אריבער די ששת ימי המעשה קומט א שבת קודש אין וועלבע מיר מוזן אלעס אפשטעלן, ארויסקריכן פון

די גערויש און די געלויף פון די וואכנדיגע טעג, און אריינגיין אין א מציאות פון מנוחה ושמחה.

וואס בדרך רמז איז דאס אלעס מרמז אויף די תכלית פון א איד, זיך צו קענען אפשיידן פונעם עולם המעשה, פון די נפש מבהלה'דיגן מצב וואס נעמט איהם ארום אין די וואכנדיגע טעג ווען ער איז אריינגעטוהן אין ארציות און עולם הזה, און ווערן הייליג און דערהויבן, צוצוקומען צו יישוב הדעת און באזעצנקייט, זיך צו באהעפטן צו זיין נשמה יתירה און צו זיין רוחניות, ארויסגיין פונעם חושך און אריינגיין אינעם אור, ווי מיר זאגן אין די זמירות פון שבת קודש "מְנוּחָה וְשִׂמְחָה **אוֹר** לַיְּהוּדִים".

און דאס דארף טאקע זיין די שטרעבן פון א איד, אויסצונוצן יעדע געלעגנהייט אין וועלכע ער קען לעבן מיט העכערקייט און מיט קרבת אלקים, צו איז דאס אין א שבת קודש, א יום טוב, דערהויבענע זמנים, א דאווענען, קביעות עתים לתורה, ווייל דאס איז אלעס א חלק פונעם "וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר" וואס וועט איהם האלטן שטארק און העלפן נישט צו ווערן אוועקגעשלעפט אינעם עולם הזה'דיגע תֹהוּ וָבֹהוּ.

**די וויכטיגע עבודה ווען עס קומען שווערע זמנים ח"ו**

יעצט, אויב דאס איז געזאגט געווארן אין א געוועינליכע תקופה, אין טאג טעגליכע לעבן ווען עס הערשט א סכנה אז א מענטש קען ווערן צו שטארק איינגעזינקן אין גשמיות און אין עניני עולם הזה און אנקומען צו א מצב פון תֹהוּ וָבֹהוּ, און א איד דארף אלעמאל לייגן א דגוש זיך צו האלטן מיט די ריכטיגע קלארקייט און יישוב הדעת, איז דָאךְ דאס על אחת כמה וכמה געזאגט געווארן אין אזעלכע זמנים אין וואס די וועלט שטייט אצינדער, ווען מענטשן ווערן איבערגענומען פון די שרעקליכע נייעס און פון די שאק און שוידער וואס האט באטראפן די אידן אין ארץ ישראל, ווי שרעקליך און ווי טונקל קען זיין אט די יעצטיגע תֹהוּ וָבֹהוּ וואס קען פארפלייצן דעם מענטש, עס איז ממש א בחינה פון וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם, עס איז ווי א טיפע אפגרונד, ווי א תהום וואס באדראעט אריינצושלעפן אין זיך דעם גאנצן מענטש.

מיר דארפן געדענקן אז אין אזעלכע אומשטענדן איז ליידער זייער גרינג צו פארלירן די יישוב הדעת און אריינפאלן אין "נפש מבהלה", און דעריבער מוזן מיר האלטן קאפ און נישט פארגעסן קיין איין רגע אז עס איז א שעת נסיון, מיר שפאצירן יעצט אויף א דינע שטריק, און דער יצר הרע קוקט ארויס און שטרעבט מיט אלע כוחות "לְהֻמָּם" וּלְאַבְּדָם ח"ו, ער האט ליב ווען א איד איז צוטומלט און צומישט און ווערט פארלוירן און צוקלאפט.

און די תפקיד פון א איד אין אזא צייט איז צו חַזר'ן כסדר אז מיר טארן זיך נישט פארלירן, מיר מוזן אכטונג געבן אויף זיך און אויף אונזערע קינדער, מיר זענען זייער גענעראל בעת מלחמה! **מיר האבן א חיוב אריינצושיינען אין זיי דיבורים פון חיזוק און אמונה, מוסיף זיין אין תורה און תפלה וואס דאס איז אונזער איינציגסטער כוח**, און געדענקן אז אונזערע קינדערלעך הערן זיך אונטער וואס מיר רעדן אין די טעג, און זיי זאַפּן איין אין זיך טיף וואס איז אונזער מהלך-המחשבה, אונזער השקפה, אונזער התנהגות, און אונזער אידישקייט.

איז אין אזעלכע זמנים דארף מען עוסק זיין וואס מער אין דעם "**וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר**" סיי מתפלל זיין און בעטן השי"ת אז ער זאל אונז טאקע לעכטיג מאכן, ער זאל אונז העלפן און אפהיטן פון אלעם בייזן בגשמיות, און אזוי אויך באלייכטן אונזערע אויגן ברוחניות, אונז העלפן האלטן די קאפ אויפן פלאץ, און אונז געבן סייעתא דשמיא אנצוהאלטן די ריכטיגע יישוב הדעת, צו קענען לעבן ווי א איד, זיך נישט פארלירן ח"ו, נאר אנגיין מיט א ריינע אמונה און בטחון אז **לֹא יָנוּם וְלֹא יִישָׁן שׁוֹמֵר יִשְׂרָאֵל**, און טאקע קענען משפיע זיין פאר אונזערע ארומיגע די ריכטיגע שלוה און התחזקות און בטחון אינעם אייבישטער. ביז השי"ת וועט אונז העלפן אז עס וועט טאקע מקויים ווערן ביי אונז דעם "וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר וַיְהִי אוֹר" אז עס וועט לעכטיג ווערן פאר גאנץ כלל ישראל בקרוב און במהרה אכי"ר.

לסיכום געדענק:

- ווען דער יצר הרע וויל פאנגן א איד איז זיין נעץ, הייבט ער אָן מיט'ן לְהֻמָּם, ער טוט צוטומלען און צוברעכן דעם איד, און דערנאך קומען שוין שלעכטע תוצאות גרינגערהייט רח"ל.
- א איד דארף זיך פרעגן "אַיֶּכָּה?" וואו בין איך און וואו האלט איך אויף די וועלט?, מאכן א שטארקע חשבון הנפש און התבוננות אויף זיינע מעשים, נישט זוכן צו אנטלויפן פון זיך.
- יעדן טאג, און בפרט אין שווערע זמנים דארפן מיר זוכן יישוב הדעת און שטארקייט, און מתפלל זיין אֱלֹקִים, יְהִי אוֹר" רבונו של עולם איך בעט דיר מאך שוין לעכטיג!

# א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com